### וואס איר זאלט וויסן וועגן:

# ציין פארפוילונג, פארמיידונג, און אייך



## פארשטיין ציין פארפוילונג

### האט איר געוואוסט...?

- ציין פארפוילונג פאסירט צוליב פלאק (plaque). פלאק איז א וויכע, קלעבעדיגע שיכט פון באצילן וואס קען זיך אויפבויען אויף ציין.
- באצילן אין אייער מויל לעבן אויף צוקער און געבן ארויס אסיד. דער אסיד מאכט די דרויסנדע שיכט פון די ציין צוגיין. דאס פאראורזאכט ציין פארפוילונג.
- ציין פארפוילונג קען פאראורזאכן נישט-גוט-שמעקעדיגע אטעם, ווייטאג, אנצינדונג, און ציין פארלוסט.
- ציין פארפוילונג איז די מערסטע באקאנטע קראנקהייט אין אמעריקע וואס מען קען פארמיידן.

## פארמיידן ציין פארפוילונג

### וואס קענט איר טון?

נעמט אראפ פלאק! פוצט די ציין צוויי מאל א טאג מיט א פלאורייד ציין פוץ.

ריינצגט אדער פלאס'ט צווישן אייער ציין יעדן טאג.

באזוכט אייער ציין דאקטער רעגלמעסיג פאר מעסיגע אונטערזוכונגען, עקס-רעיס (x-rays), און רייניגונגען.

רעדט אדורך מיט אייער ציין דאקטער:

- צוגעקומענע פלאורייד צו שטארקן אייער ציין.
- ציין פארזיגלער צו באשיצן אייער ציין פון פארפוילונג.

## זייט אייער אייגענער געזונטהייט אדוואקאט!

- **אייערע Medicaid בענעפיטן נעמען אריין ציין דאקטער דעקונג.**
- **נוצט אייערע ציין דאקטער בענעפיטן אייך צו העלפן האבן א געזונטע מויל.**

**די Medicaid בענעפיטן קענען אייך העלפן פארמיידן ציין פארפוילונג:**

- מעסיגע **אונטערזוכונגען, עקס-רעיס (x-rays)**, און **רייניגונגען**
- צוגעקומענע פלאורייד, אריינגערעכנט:
  - א **פרעסקריפשען פאר פלאורייד** אויב איר וואוינט אין א קאמיוניטי וואס האט נישט פלאורייד
  - **פלאורייד שמירעכץ** (ארויפגעלייגט אויף ציין זיי צו באשיצן פון פארפוילונג)
  - **פלאורייד דזשעל אדער פאום** (געלייגט אין א טאץ וואס מען לייגט אין די מויל פאר עטליכע מינוט)
  - זילבער דייעמין פלאורייד (ארויפגעלייגט אויף ציין צו אפשטעלן ציין פארפוילונג)
- **ציין פארזיגלער** (א שיכט געשמירט אויף די הונטערשטע ציין וואו פארפוילונג הויבט זיך אפטמאל אן).

***אויב איר האט פראגעס וועגן נוצן אייערע בענעפיטן, רופט דער טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף אייער Medicaid קארטל.***



14816 (Yiddish)